בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

וארא תשפ"ב
גליון 74

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קִינְדֶער

אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת זֶען מִיר וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה מַאכְט אַ גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט פוּן דִי 'קִינְדֶער'. אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן לֶעצְטֶע וָואךְ שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים", רֶבִּי נָתָן אִיז מְבָאֵר דֶעם פָּסוּק אַז דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף אוֹיפְלֶעבְּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, טְרֶעפְן אִין זֵיי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְפְרֵייעֶן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. בַּיי מַכַּת חֹשֶׁךְ דֶערְמַאנְט אוֹיךְ דִי תּוֹרָה אַז פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט "גַּם טַפְּכֶם יֵלֵךְ עִמָּכֶם" דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ מִיטְגֵיין.

דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט שְׁוֶוער גֶעמַאכְט פַּרְעֹה'ס הַארְץ, עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ" - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט פַארְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַלֶעס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אַ חִיּוּב אוּן אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה פוּן "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ" דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דֶעם סִיפּוּר פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, ווַייל דָאס אִיז פוּן דִי גָאר שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ וַויסְן דִי טוּמְאָה אוּן שְׁמוּץ פוּן דִי מִצְרַיִם, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם בַּארְג סִינַי אוּן מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן.

נָאךְ אַ מִצְוָה אִיז פַארְהַאן, צוּ דֶערְמַאנֶען יֶעדְן טָאג יְצִיאַת מִצְרַיִם. אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה: "יֶעדְן דוֹר דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר אַלֵיין זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן וֶוען נִישְׁט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן פוּן מִצְרַיִם, וָואלְטְן נָאךְ אוּנְז מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אוּנְטֶערְדְרִיקְט בַּיי פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "וֶוען מִיר וָואלְטְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען צוּגַיינֶערְס!" וֶועלְכֶע זֶענֶען זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶע אוּן פַארְשֶׁעמְטֶע פָאלְק.




רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין זִיסְן שְׁפְּרַאךְ שְׁרַייבְּט: "דֶער וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ הַארְץ אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דִי וֶועגְן אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים דוּרְךְ דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים - וֶועלְכֶע זֶענֶען אוּנְז מוֹדִיעַ אִין זֵייעֶרֶע חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוּט מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם, דֶער מֶענְטְשׁ קֶען טַאקֶע

המשך אויף זייט 8

# וֶוער וִויל קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעך?!?!

אַזוֹי ווי ר' נָתָן איז געווען צווישְן די מִתְנַגְּדִים, אִיז אִים געווען זייער שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מְקָרֵב זַיין צוּ די חֲסִידִים, ר' נָתָן איז געזעצְן קעסְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער צְווֵיי יָאר, ווען די צְווֵיי יָאר הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט איז ער געגאַנגֶען עסְן בַּיי זַיין טַאטְנ'ס טִישׁ, דָארְט אִין יֶענֶעם שְׁטָאט איז ער גֶעוָוארְן אַ חָבֵר מִיט ר' לִיפָּא, דער ר' לִיפָּא איז געווען אַ וַוארִימֶער חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ טַעֲנֶה'ן מִיט ר' נָתָן אַז די חֲסִידִים זֶענֶען אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, עס לוֹינְט נָאנְט צוּ וֶוערְן מִיט זֵיי.

אֵיינְמָאל איז גֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן הָאנִיפָּאלְיֶע קַיין נֶעמִירוֹב דָארְט וואו ר' נָתָן הָאט גֶעווּאוֹינְט, דִי אִידְן אִין נֶעמִירוֹב הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט דֶעם אִיד, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקְן. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם ווי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן גֶעמַאכְט אַ בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא מִיט אַן עֶרְנְסְקַייט, ר' לִיפָּא מִיט ר' נָתָן שְׁטֵייעֶן אוּן בַּאטְרַאכְטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר גֶעפָאלְן וְוִיאַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, פְּרֶעגְן זֵיי אִים: "דוּ קֶענְסְט רֶבִּי ר' זוּשָׁא?" "זִיכֶער קֶען אִיךְ אִים!" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "אִיךְ גֵיי אַסַאךְ אַרַיין צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, מַיין גַאנְצְן הִתְעוֹרְרוּת צוּם דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן הָאט אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן אִים!"

אִיר ווִילְט הֶערְן וְוִיאַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס זַיין סֵדֶר הַיּוֹם? אִינְמִיטְן נַאכְט בַּיי חֲצוֹת גִיט זִיךְ ר' זוּשָׁא אַ וַוארְף אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן שְׁרַייט: "זוּשָׁא זוּשָׁא הֵייבּ זִיךְ שׁוֹין אוֹיף! דָאס אִיבֶּערִיגֶע וֶועסְטוּ שׁוֹין שְׁלָאפְן אִין קֶבֶר! אַזוֹי שִׁילְדֶערְט עֶר פַאר ר' לִיפָּא אוּן ר' נָתָן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדוֹת פוּן ר' זוּשָׁא. ר' נָתָן הָאט דָאס אַלֶעס גֶעהֶערְט הָאט זִיךְ אִים זַיין הַארְץ אָנְגֶעצִינְדְן צוּ פָארְן צוּ דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ ר' מָרְדְּכַי קְרֶעמֶענִיץ, צוּם בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב אוּן נָאךְ צַדִּיקִים.

אֵיינְמָאל איז ר' נָתָן גֶעזֶעצְן בַּיי אַ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט תַּלְמִידִים פוּן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בֵּייגֶעלֶעךְ זִיךְ צוּ קֶענֶען וַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ, אוּן... דֶער גּוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף ר' נָתָן, עֶר זָאל גֵיין קוֹיפְן דִי בֵּייגְלֶעךְ.



ר' נָתָן לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף דִי בַּארְדִיטְשׁוֹבְ'עֶר גַאסְן, עֶר שְׁפַּאצִירְט אוּן הֵייבְּט אָן צוּ טְרַאכְטְן פוּן זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן אִין אִים עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם דֶּרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב.

עֶס אִיז אִים אַרַיין אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אוּן זָאגְט: "פַארְדֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ?" ר' נָתָן גֵייט אַרַיין אִין אַן עֶזְרַת נָשִׁים, עֶר זוּכְט אַ לֵיידִיגְן אָרְט, עֶר נֶעמְט אַ תְּהִלִּים אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן אוּן זָאגְן בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ קַאפִּיטְל נו"ן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן קוֹילֶערְט זִיךְ פוּן גְרוֹיס צַעַר. ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען

אַ גרויסע נְשָׁמָה, וָואס איז אַריבּער אויף אים עֲלִיּוֹת מיט יְרִידוֹת. אַזוֹי ווי מען זעט אויך בּיי דָּוִד הַמֶּלֶךְ וואו ער שְׁרייט אין סֵפֶר תְּהִלִּים "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי בְמַעֲמַקֵּי מַיִם וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי" איך בּין אַיינְגֶעזִינְקֶען אין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע איך קען זיך נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן, איך בּין אין אַ טִיפֶע וַואסֶער, איך ווער דֶערְטְרַאנְקֶען!!

ר' נָתָן איז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן! ער שְׁלָאפְט! אִינְמִיטְן שְׁלָאף זעט ער אין חָלוֹם אַ גרויסֶער לֵייטֶער וָואס גֵייט פון דער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, אַזוֹי ווי דער לֵייטֶער פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, ר' נָתָן גֵייט אַרויף אויפְן לֵייטֶער און פַאלְט אַרָאפּ! ער שְׁטֶעלְט זיך אויף און גֵייט אַרויף אַבִּיסְל הֶעכֶער, ווידֶער פַאלְט ער אַרָאפּ, אַזוֹי אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, ווי הֶעכֶער ער גֵייט אַרויף אַלְץ פַאלְט ער שְׁטֶערְקֶער אַרָאפּ, בִּיז ר' נָתָן איז אַרויף זֵייעֶר הויך אויף די הֶעכְסְטֶע טְרֶעפְּל אָבֶּער דֶעמָאלְט הָאט ער גֶעגֶעבְּן אַ טְרַאסְקֶע אַרָאפּ... אַז ער הָאט זיך מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן...

ער זעט פְלוּצְלִינְג אֵיינֶעם אין חָלוֹם, אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט צו צו אים און זָאגְט אים: "דְרַאפֶּע זיך און הַאלְט זיך.." דָאס מֵיינְט, "קְרִיךְ וַוייטֶער אַרויף און הַאלְט זיך פֶעסְט!"

דָאס איז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פַאר ר' נָתָן איז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. שְׁפֶּעטֶער ווען ער איז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט ער גְלַייךְ דֶערְקֶענְט דָאס פָּנִים, "דָאס איז דער איד וָואס הָאט מִיר גֶעזָאגְט דְרַאפֶּע זיך און הַאלְט זיך".



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

שְׁמוּאֵל, "דו הָאקְסְט שְׁטִיקֶער! איך הָאבּ גֶעלֵייְנְט פון דיך פָּארִיגֶע וָואךְ אין "מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע"!

הָאבּ איך דיר אַפִּילוּ גֶעזוּכְט, צו הֶערְן פון דיר עֶרְשְׁטְהַאנְטִיג דַיין מַעֲשֶׂה'לֶע..."

"אויבּ דָאס קען זַיין אַ תּוֹעֶלֶת ווֶעל איך דיר דֶערְצֵיילְן. אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זיך דָאס ווען בַּיי אוּנְז אין שְׁטוּבּ איז גֶעלֶעגְן אין סְפָרִים שַׁאנְק אֵיין בַּאנְד פוּנֶעם נַיין-בֶּענְדֶער בִּיכְל 'דער אוֹצָר פון יִרְאַת שָׁמַיִם', וָואס איז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן בְּעֵרֶךְ אין די יָארְן פון תשל"ו. אויך הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אין שְׁטוּבּ נָאךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים פון "הוֹצָאַת וַויינְשְׁטָאק' דָארְט הָאבּ איך גֶעלֵייְנְט ווי אַזוֹי דער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווען ער איז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, די מַעֲשֶׂה פון ר' שִׁמְעוֹן דער עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פון רֶבִּי'ן ווִיאַזוֹי ער הָאט זיך מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן.

איך הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פּוּנְקְט וָואס דָאס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת אָבֶּער איך הָאבּ גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה וָואס מֶען דַארְף צו טוּן, עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל און רֶעדְן!

אַזוֹי ווי מַיין טַאטֶע איז נִפְטַר גֶעוָוארְן ווען איך בּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגְל, הָאבּ איך נִישְׁט גֶעהַאט פַארְוֶועם צו פַארְצֵיילְן אַלֶע מַיינֶע ווֵייטָאגְן, הָאבּ איך זַייעֶנְדִיג אין בֶּעט פַארְן אַיינְשְׁלָאפְן זיך אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אויף מַאמֶע לָשׁוֹן, אַלֶעס וָואס עֶס בַּאדֶערְט מִיר, און אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט מִיר. איך הָאבּ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר קְלָאר בְּרָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה... ווייל דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער איז מַיין טַאטֶע, נָאר ער קען מִיר פַארְשְׁטֵיין...

מִיר הָאבְּן אויך גֶעהַאט אֵיין רוֹיטֶע סֵפֶר וָואס איז גֶעוֶוען צַאמֶגֶעשְׁטֶעלְט פון די דְרַיי סְפָרִים 'לִקּוּטֵי עֵצוֹת' 'מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ' 'הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ' איך פְלֶעג דָאס מִיטְנֶעמֶען מִיט מִיר אין יְשִׁיבָה, ווען איך הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין חַבְרוּתָא פְלֶעג איך לֶערְנֶען אין דֶעם. איך הָאבּ נָאךְ דֶעמָאלְט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס איז פַארְהַאן מַחֲלוֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, איך הָאבּ גֶעפָּאלְגְט בִּתְמִימוּת דֶעם רֶבִּי'ן אַז ער זָאגְט אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווֶעל איך אַזוֹי טוּן! אָבֶּער אין יֶענֶע צַייט הָאט אַ בָּחוּר אין יְשִׁיבָה מִיר גֶענוּמֶען רוֹדֵף'ן.

המשך אויף די לעצטע זייט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה
~3~




אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אֵיין וִוינְדֶער בַּיי דִי לַייט. אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר זָאל צוּ זֵיי קוּמֶען. אוּן זָאל זֵיי אַזוֹינְס זָאגִין. גָאר אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס מוּז זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.

וָוארִין זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין אַזוֹי אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָוארִין דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין מְפוּרְסָם גִיוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט (כַּנַּ"ל)

אוּן מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער פְרוּמֶער בַּעַל תְּפִלָּה. נָאר זֵיי הָאבִּין אִים נִישְׁט גִיקָאנְט חַאפִּין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. בַּיי דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים גִיהַאט וִוי אַ סוֹחֵר אוּן בַּיי דֶעם. וִוי אֵיין אָרוּם מַאן וְכוּ' כַּנַּ"ל. אוּן תֵּיכֶּף אִיז עֶר נִמְלַט גִיוָוארִין פוּן דָארְט (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז גִיךְ אַוֶועק פוּן זֵיי).

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן סֶע אִיז גִיוֶוען אֵיין גִבּוֹר. וָואס מִיט אִים הָאבִּין זִיךְ צוּם הוֹיף גִינוּמֶען כַּמָּה גִבּוֹרִים. אוּן דֶער גִבּוֹר מִיט זַיינֶע גִבּוֹרִים. אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

אוּן דֶער גִבּוֹר הָאט מֶער נִיט גִיוָואלְט נָאר הַכְנָעָה. (כְּלוֹמֶר מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער טֶענִיג אוּנְטֶער אִים) אוּן אַז דִי מְדִינָה פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים.

פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזִין. אוּן אַז נִיט. פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב צוּ מַאכִין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אָפְּגִינוּמֶען) מְדִינוֹת. אוּן קֵיין גֶעלְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִיוָואלְט.

נָאר הַכְנָעָה אַז מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם גִבּוֹר אִיז גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט שִׁיקִין אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין זַיינֶע גִבּוֹרִים. אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט גִיוֶוען פוּן דֶער מְדִינָה פוּפְצִיג מַייל. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

אוּן דִי סוֹחְרִים פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת הַנַּ"ל. וָואס זֵיי פְלֶעגִין צוּ הַאנְדְלֶען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת כַּנַּ"ל. זֶענֶען דִי סוֹחְרִים אַהֵיים גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִבּוֹר.

אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. חָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטִין צוּ גִישְׁטַאנֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים.

נָאר זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט. אַז עֶר אִיז מְמַאֵס גֶעלְט. אוּן עֶר וִויל גָאר קֵיין גֶעלְט נִיט. אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען. אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אוּנְטֶער גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים. וָוארִין סֶע בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי וִוי שְׁמַד. וַוייל עֶר גְלֵייבְּט גָאר נִיט אִין זֵייעֶר אֱמוּנָה דְהַיְינוּ אִין גֶעלְט.

אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ טָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (דְהַיְינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט)

אוּן הָאבִּין גִינוּמֶען אַ חַיָּה'לֶע (דְהַיְינוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַבִּיסִיל גֶעלְט וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ חַיָּה גִיוֶוען) אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (הַנַּ"ל)

אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיטָאן זֵייעֶרֶע אִיבְּרִיקֶע עֲבוֹדוֹת (דְהַיְינוּ דִי זַאכִין וָואס זֵיי פְלֶעגִין דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע גָאטִין).

אוּן דֶער גִבּוֹר אִיז אַלֶע מָאל נֶעהֶנְטֶער צוּ גִיקוּמֶען צוּ זֵיי. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שִׁיקִין צוּ זֵיי זַיינֶע גִיבּוֹרִים. וָואס זֵיי וִוילִין. אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען כַּנַּ"ל.

אִיז אוֹיף זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד. אוּן זֵיי הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט

וָואס צוּ טָאן. הָאבְּן זֵיי דִי סוֹחְרִים זֵייעֶרע אֵיין עֵצָה גִיגֶעבְּן. בַּאֲשֶׁר. זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין אַ מְדִינָה. וָואס דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גָאטְין.

און פָּארִין מִיט מַלְאָכִים. דְהַיְינוּ יֶענֶע מְדִינָה אִיז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה. פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס זֶענֶען אַלֶע ווִילְד גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים זֵייעֶר.

בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַ גָאט (ווֶעדְלִיג זֵייעֶר נַארִישׁ פַארְפִירְטְקֵייט. ווָארִין דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר אוּן הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִיפִיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט אַז מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אִיז מֶען שׁוֹין אַ גָאט כַּנַ"ל)

און זֵיי פָּארִין מִיט מַלְאָכִים. ווָארִין זֵייעֶרע פֶערְד זֶענֶען צוּ גִידֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ גְרוֹיס עַשִׁירוּת מִיט גָאלְד אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גַלַייכְן. וָואס אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד (פוּן דֶער מְדִינָה) טְרֶעפְט אָן ווִיפִיל בַּיי זֵיי הָאט אַ מַלְאַךְ. (דְהַיְינוּ מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט ווִי אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד טְרֶעפְט אָן בַּיי דֶער מְדִינָה. אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אַ מַלְאַךְ)

נִמְצָא פָּארִין זֵיי מִיט מַלְאָכִים זֵיי שְׁפַּאנֶען אֵיין דְרַיי פָּאר מַלְאָכִים אוּן פָּארִין מִיט זֵיי. בְּכֵן בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקְן צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן זֵיי ווֶעלְן אַייךְ בְּוַודַאי הֶעלְפְן ווָארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטְין. (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי עֵצָה פוּן זֵייעֶרע סוֹחְרִים)

אִיז דִי עֵצָה זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלְן. ווָארִין זֵיי הָאבְּן גִיגְלֵייבְּט. אַז זֵיי ווֶעלְן בְּוַודַאי גִיהָאלְפְן ווֶערְן דוּרְךְ יֶענֶער מְדִינָה. ווָארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע גָאטְין כַּנַ"ל.

און דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר ווֶעט נָאךְ אַמָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער ווֶעט עֶר זֵיי פָּארְט אַרוֹיס פִירְן פוּן זֵייעֶרע נַארִישְׁקֵייט.

און עֶר אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין שׁוֹמֵר. אַזוֹי ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז.

הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט פוּן דֶער גִבּוֹר. אַז זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס פַּחַד פַאר אִים. הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. ווָאס הָאט אִיר בְּדֵיעָה צוּ טָאן. הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט. דִי זַאךְ הַנַּ"ל. אַז זֵיי ווִילְן שִׁיקְן צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטְין וְכוּ' כַּנַ"ל.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט. אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיס נַארִישְׁקֵייט. ווָארִין זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי ווִי מִיר (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבְּן אַהִין גִיוָואלְט שִׁיקְן זֶענֶען נָאר מֶענְטְשְׁן) אוּן אִיר אַלֶע מִיט אֵייעֶרע גָאטְין זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן.

און סֶע אִיז קֵיינֶער קֵיין גָאט נִיט. סֶע מֶער נִיט פַארְהַאנְדִין נָאר אֵיין גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט. דֶער ווָאס הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפְן. אוּן אִים אַלֵיין בַּאדַארְף מֶען נָאר צוּ דִינֶען אוּן צוּ אִים בַּאדַארְף מֶען נָאר מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער ווֶעלְט.

און דֶעסְט גְלַייכְן נָאךְ אַזוֹינֶע רֵייד הָאט אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. אוּן דֶער שׁוֹמֵר הָאט אַלְץ נִיט צוּ גִיהֶערְט. ווָארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַיינְגִיזֶעצְט גִיוֶוען זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן אַ לַאנְגֶע צֵייט כַּנַ"ל.

נָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט אָבֶּער מִיט אִים אַסַאךְ גִיטַעֲנ'ט. בִּיז צוּם סוֹף. הָאט דֶער שׁוֹמֵר אִים גִיעֶנְפֶערְט. ווַייטֶער וָואס קָאן אִיךְ טָאן. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער.

און דָאס הָאט שׁוֹין אַ פָּנִים עֶפֶּעס פוּן אֵיין תְּשׁוּבָה. ווָארִין דִי רֵייד וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פְרִיר גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. אוּן דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט אִיצְט גִירֶעט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִין אֵיינֶעם צוּם הוֹיף גִינוּמֶען. בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים עֶפֶּעס גִירִירְט. (ווָארִין דִי תְּשׁוּבָה וָואס דֶער שׁוֹמֵר הָאט גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאן אִיךְ טָאן וְכוּ'. דָאס ווַייזְט אוֹיס אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה הֵייבְּן שׁוֹין אָן עֶפֶּעס אַבִּיסְל אַרַיין צוּ גֵיין אִים אִין הַארְצִין אַרַיין)

און אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערְן שׁוֹמֵר. אוּן הָאט מִיט אִים אוֹיךְ גִירֶעט אַזוֹי ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז כַּנַ"ל אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִיט צוּ גִיהֶערְט אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶערְט כַּנַ"ל. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אַלֶע שׁוֹמְרִים הָאבְּן אִים גִיעֶנְפֶערְט דִי תְּשׁוּבָה צוּם סוֹף.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן ווִידֶער מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּסִין ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען גָאר אִין טָעוּת זֵייעֶר.

און דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט נָאר דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ'. הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט צוּגִיהֶערְט ווָארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע זֵייעֶר גִיוֶוען אַיינְגִיוָוארְצִילְט אִין דֶעם גֶעלְט פוּן אַ לַאנְגֶע צֵייט.

און זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוּן אַז זֵיי ווִילְן

שִׁיקְן צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט עֶר אוֹיס זֵיי אוֹיךְ גִילַאכְט.

אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיזָאגְט. אַז דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין וָוארִין אִיר זֶענְט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי זֶענֶען גָאר קֵיין גָאט נִיט. נָאר אֵיין גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז פַארְהַאנְדִין וְכוּ'. אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר.

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין (מִיט דֶעם לָשׁוֹן). אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פַארְווִינְדֶערְט זִיךְ. אוֹיבּ דָאס אִיז נִיט דֶער וָואס עֶר ווֵייסְט) הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערִין אוּן הָאט מִיט זֵיי אַלְץ אַזוֹי גִישְׁמוּסְט. כַּנַ"ל.

אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר צוּ אִיטְלִיכְן גִיזָאגְט. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאבִּין זֵיי נִיט פַארְשְׁטַאנֶען זַיינֶע רֵייד. וָואס עֶר מֵיינְט.

דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארִין אִין שְׁטָאט אֵיין רַעשׁ. בַּאֲשֶׁר אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעט אַזוֹינְס וָואס עֶר מַאכְט אַ גִילֶעכְטֶער פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

אוּן עֶר זָאגְט אַז סֶע אִיז נָאר אַ יָחִיד פַארְהַאנְדִין דְהַיְינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ'. אוּן מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר זָאגְט עֶר אַלְץ אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ' כַּנַ"ל.

הָאבִּין זֵי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גִיוֶועזְן כַּנַ"ל.

הָאט מֶען גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים זוּכִין אוּן מֶען זָאל אִים כַאפְּן. כָאטְשֶׁע עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלִין (דְהַיְינוּ אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן אַמָאל פַאר אֵיין אָרִימַאן וְכוּ' וָואס מַחְמַת דֶעם הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט כַאפְּן כַּנַ"ל)

נָאר זֵיי הָאבִּין אָבֶּער דֶערְפוּן אוֹיךְ גְווִאוּסְט. אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ. הָאבִּין זֵיי גִיהֵייסְן נָאךְ קְלֶערִין נָאךְ אִים. אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין,

הָאט מֶען אִים נָאךְ גִיזוּכְט בִּיז זֵיי הָאבִּין אִים גִיחַאפְּט. (דְהַיְינוּ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִבְרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְצְטֶע.



## מיין מדות ווינקל

### זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין תּוֹרָה קנ"ה אַז דוּרְךְ אֲרִיכַת אַפַּיִם קֶען דֶער מֶענְטְשׁ וַואקְסְן אוּן שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן בִּפְרָט אוֹיבּ מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דֶער פְּלַאץ אִיז מְסוּגָל צוּ אַרַייְנְבְּרֶענְגֶען אֲרִיכַת אַפַּיִם, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועהן דֶער עִיקָר בֶּענְקֶענִישׁ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה צוּ זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵייין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם בִּשְׁלֵמוּת.

אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וואוינְט נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט כְּסוּפִין צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען אַ חֵלֶק אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם.

דֶערִיבֶּער טַייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ הָאבְּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. אוּן הַאלְטְן חָשׁוּב יֶעדֶע בְּרֶעקְל אוּן נְקוּדָה טוֹבָה וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ אֵיין פוּן כַּעַס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז אוֹיךְ אַ סְגוּלָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּהַרְחָבָה, סַיי יֶעצְט פַאר עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן שְׁפַּייזְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין תּוֹרָה ס"ח אַז דֶער פְּגַם פוּן זִיךְ בֵּייזֶערְן אִיז מַזִּיק פַאר פַּרְנָסָה, דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַייְנְגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי אִינְגֶע יָארְן מִיט דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן אַייְנְהַאלְטְן זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה פוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט נִמְשַׁךְ וֶוערְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחָנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________________

טעלפון ____________________________

שטאט ____________________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צוועלעווטע מעשה (3) - מבעל תפילה

**א. וויאזוי פלעגט די וועלט רופן דעם בעל תפלה?**
- ☐ דער מלאך אלוקים
- ☐ דער פרומער בעל תפלה
- ☐ דער צדיק הדור

**ב. וואס האט געטון דער גבור מיט זיינע גבורים?**
- ☐ ער איז געגאנגען אין איינגענומען מדינות
- ☐ ער איז געגאנגען און איסגע'הרג'עט מדינות
- ☐ ער איז געגאנגען און געכאפט מענטשן

**ג. וואס האט דער גבור געוואלט?**
- ☐ כבוד,אז מ'זאל אים מכבד זיין
- ☐ געלד, אז מ'זאל אים געבן זייער געלד
- ☐ הכנעה, אז מ'זאל זיך אונטערטעניגן אונטער אים

**ד. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות זיך נישט געקענט מכניע זיין צום גבור?**
- ☐ ווייל ער איז ממאס געלד און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ☐ ווייל ער איז ממאס תאוות און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ☐ ווייל ער איז ממאס כבוד און דאס איז קעגן זייער אמונה

**ה. וואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געטון ווען זיי האבן געהערט פון דעם גבור?**
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן מקריב זיין צו זייערע גאטין
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן דאווענען צום באשעפער
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן געבן אסאך צדקה

**ו. וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?**
- ☐ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ☐ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ☐ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ז. וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?**
- ☐ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ☐ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר'מיעוס'ן געלד
- ☐ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ח. וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?**
- ☐ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס'איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ☐ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ☐ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ט. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?**
- ☐ עס איז נאר דא איין גאט אוף דער וועלט
- ☐ אז נאר דעם אייבירשטען דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?**
- ☐ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ☐ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ☐ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**יא. וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנען פון די ענטפער?**
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין אינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**יב. וואס האבן די אנדערע שומרים געענטפערט צום סוף?**
- ☐ א טייל אזוי ווי דער ערשטער און א טייל האבן נישט געוואלט הערן
- ☐ יעדער עפעס אנדערש
- ☐ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער

**יג. וואס האט דער בעל תפלה נאכדעם געטון?**
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ חוץ לישוב
- ☐ ער איז אריין אין שטאט און גערעדט פון אמת'ן תכלית
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען רעדן מיט דעם ערשטן שומר

**יד. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ☐ אז ער איז נישט אזא גבור
- ☐ אויב איז עס נישט דער גבור !! (אזוי ווי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. האבן זיי פארשטאנען וואס ער מיינט?**
- ☐ זיי האבן גוט פארשטאנען
- ☐ זיי האבן נישט פארשטאנען
- ☐ א חלק יא און א חלק נישט

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז______________________________.
- ☐ זיך נישט צו אויסלערנען פון מענטשן וואס האבן תאוות ממון
- ☐ ______________________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com

המשך פון זייט 1

מְקַיֵּים זַיין דָאס וָואס חֲזַ"ל וָוארֶענֶען אַז בְּכָל דוֹר וָדוֹר זֶענֶען מִיר מְחֻיָּב לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם."

רַבִּי נָתָן אִיז מַמְשִׁיךְ: "עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן דֶערְפוּן אַלֶע זַיינֶע טֶעג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו, מֶען זָאל דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ, אַז דֶער לֶעצְטֶער דוֹר זָאל אוֹיךְ וִויסְן אוּן דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער פַאר זַייעֶרֶע קִינְדֶער.."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן טָאג דִי מִצְוָה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם בִּשְׁלֵמוּת, יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת. מ'קֶען אוֹיךְ פַארְצֵיילְן דִי נִסִּים וְוִיאַזוֹי מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם! אוּן בְּקָרוֹב וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי רֹאשׁ חֹדֶשׁ בֶּענְטְשְׁן "מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ וְגָאַל אוֹתָם מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת, הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ, חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל וְנֹאמַר אָמֵן.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
1-518-329-9149 646-518-1095



## מיין מַאֲשֶׂה'לֶ

המשך פון זייט 3

"טוֹיטֶע חֲסִידִים..." פְלֶעגְט עֶר מִיר נָאכְשְׁרַייעֶן. (כְּאִילוּ ס'גֵייט אִים גוּט...)

פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מִתְנַגְּדִים אוֹיפְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער מִיר הָאט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערְעסִירְט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לֶעבְּן, מַיין טַאטֶע אִין הִימְל הֶערְט מִיר אוֹיס אוּן פַארְשְׁטֵייט מַיינֶע וֶוייטָאגְן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען אִין יְשִׁיבָה צוּם רֶבִּי'נְס דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד, הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין גְלַייכֶע קָאפּ נִישְׁט גֶעזוּכְט קֵיין חָכְמוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען אַדוּרְכְגֵיין דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן מִשְׁנָיוֹת, אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען מִשְׁנָה נָאךְ מִשְׁנָה. דָאס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן מַיין צַעַר אוּן פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע. דֶער מַשְׁגִּיחַ וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעוְואוֹינְט צוּ זָאגְן אִיבֶּערִיגֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי בָּחוּרִים, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם וָוארְט, אֶפְשָׁר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יָתוֹם הָאט זִיךְ אִים גְרִינְגֶער אַרוֹיסְגֶערִינֶען דִי פָּאר וֶוערְטֶער "דוּ הַאקְסְט שְׁטִיקֶער".

מַיין שְׁוָואגֶער הָאט מִיר אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז בַּיי אֱלוֹקֵי נֵצַח קֶען אִיךְ בֶּעטְן אַלֶע מַיינֶע גֶעבְרוֹיכְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ אַ גוּטֶע סְטַאנְצְיֶע וואוּ אִיךְ קֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן רֶעדְן מַיינֶע רֵייד צוּם רַחֲמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיק צַייט גֶעלֶערְנְט אִין טָאהשֶׁ'ער יְשִׁיבָה. הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אֵיינְמָאל וֶוען אַ חַבֵר אוּן אִיךְ הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַבִּיסְל חִזּוּק, זֶענֶען מִיר אַרַיין צוּם טָאהשֶׁ'ער רֶבִּי פְּרֶעגְן אַן עֵצָה. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ אוּנְז מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "קֶענְסְט אִידִישׁ?! רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!!" דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן נָאךְ מֶער שְׁטַארְקֵייט זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶע עֵצָה. אִיךְ קֶען דָאךְ אִידִישׁ!!

אִין מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וֶוען מַיין מוּטֶער הָאט נָאכְאַמָאל חַתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, הָאט אִיךְ בַּאגֶעגְנְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב דֶעם סֵפֶר 'וּשְׁמוּאֵל בְּקוֹרְאֵי שְׁמוֹ', בִּרְיווּ פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זצ"ל. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ דָאן גֶעזֶען אַז רֶבִּי שְׁמוּאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם אַז דֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחַת תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען אִיךְ נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן אִיךְ שְׁפַּאצִיר אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גַּן עֵדֶן! בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט!